**גוט שבת אלע אידן.** די מעשה איז געשען מיט עטליכע אין 80 יאר צוריק אין ירושלים. אזוי ווי עס איז באקאנט, דאס וועטער אין ירושלים קען ווערן גאר הייס אין זומער. איין טאג אין די זומער טעג איז געווען א גרויסער היץ. דער טעמפעראטור האט זיך דערגרייכט צו 110 דעגריס! דער היץ האט געדויערט אפאר טעג. עס איז געווען אזוי שטארק הייס אז די שטאט האט אפילו געלייגט סיינס ארום די שטאט וואס האבן אנגעווארענט דעם עולם אז מען זאל נישט ארויסגיין אויפן גאס ללא לצורך און מען זאל זיין זיכער צו טרינקען גענוג וואסער כדי נישט צו ווערן דיהיידרייטעד , דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

די הייליגע שבת איז געקומען, אבער דער היץ איז נאכאלץ שטארק געבליבן. עס איז געווען אזוי הייס אז עס איז נישט געווען כמעט קיינער נישט אויפן גאס צוליב דער סכנה.

אין יענע טעג איז געווען א מגיד אין ירושלים וואס האט געהייסן ר' נאטע ווייס. ר' נאטע איז געווען גאר באליבט צווישן די ירושלמי אידן. ער פלעגט רעדן יעדע וואך שבת נאכמיטאג. ער האט גערעדט מיט א ברען און א געפיל. פארשטייט זיך אז וועגן דעם איז ער געווארן גאר א באליבטער רעדנער. זיין דברי חיזוק האט מעורר געווען אסאך אידן דורך די יארן. זיינע דרשות זענען געווען אזוי באליבט אז מענטשן פלעגן קומען פון ווייטענס אין שבת קודש צו הערן די דברי התעוררות. די דרשות זענען געווארן דעם "עונג שבת" פאר א גרויסן עולם!

אבער, יענער וואך שבת, ווען די זון האט געברענט אזוי שטארק, איז דער עולם נישט געקומען צו דער דרשה. ווען ר' נאטע איז אנגעקומען 3 אזייגער שבת נאכמיטאג צו יענער בית מדרש האט ער נישט געטראפן קיין איין איינציגען מענטש דארט! דער עולם איז נישט געקומען צוליב דעם גרויסן היץ.

ר' נאטע האט געווארט א שטיק צייט צו זען אויב עס וועט קומען עמיצן צו הערן די דרשה. אבער, ער האט געווארט עטליכע מינוט און קיינער איז נישט געקומען.

ר' נאטע האט זיך מיישב געווען אז ער וויל רעדן, אפילו צו א לײדיגער בית מדרש, ווייל... א מנהג איז א מנהג! ער איז געגאנגען ארויף די פאר טרעפן צו דעם ארון קודש און ער האט מסדר געווען זיין שטריימל אויף זיין קאפ. און דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדן.

ביים אנהייב האט עס געשפירט אביסל מאדנע צו רעדן צו א גרופע ליידיגע בענקלעך. אבער צוביסלעך איז ער נתעורר געווארן און דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט דעם ברען וואס דער עולם האט יעדע וואך אזוי שטארק ליב געהאט. זיין שטארקע קול האט ממש געשאקעלט דעם ליידיגע שול אין דעם שערי חסד געגענט פון ירושלים.

טאמער איינער וואלט דורכגעגאנגען דעמאלט אויפן גאס, וואלט ער קיינמאל נישט געגלייבט אז ר' נאטע רעדט צו א ליידיגע שול.

45 מינוט שפעטער נאכדעם וואס ער האט אנגעהויבן צו רעדן, האט ער געענדיגט זיין דרשה אויף תשובה. ער איז אוועקגעגאנגען פון דעם ארון קודש, גרייטנדיק ארויסצוגיין פונעם שול. פלוצלינג האט ער געהערט אן אינטערעסאנטען קול פון אויבן. וואס איז עס?!? האט ער געטראכט פאר זיך.

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה, לאמיר אביסל רעדן וועגן עניינים אין די פרשה וואס האבן א שייכות צו דער מעשה. דער ציל פון א מגיד איז צו מעורר זיין די צוהערערס צו טון תשובה און זיך צו פארבעסערן אין עבודת ה'.

זאגט דער "תומר דבורה" אז א איד זאל זיך שטרעבען צו מדמה זיין צו דעם אייבערשטער'ס מידות. אזוי ווי עס איז מרומז על פי קבלה אז "אדם" איז א לשון פון "אדמה לעליון", ד"ה זיך צוגלייכן צום אייבערשטען. די פרשה רעדט פון די בחינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני וגו'." – און איר זאלט זיך מאכן הייליג, און דעמאלט וועט איר ווערן ממש הייליג, ווייל "איך בין הייליג" – זאגט דער אייבערשטער. (יקרא יא,מד) פון דא זעט מען אז מען דארף זיך מדמה זיין צו דעם אייבערשטען'ס מידות. ווייל די סיבה וואס די תורה גיבט אז מיר זאלן ווערן הייליג איז ווייל דער אייבערשטער אליינס איז הייליג. איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט ווי דער מגיד האט געוואלט העלפן אידן טון תשובה און ווערן הייליג אזוי ווי דער באשעפער.

פלוצלינג האט ר' נאטע געהערט א קול פון אויבען אין די עזרת נשים. א איד האט געשריגן "בסדר, איך גיי תשובה טון! איך זאג צו אז איך וויל פרובירן מיך צו פארבעסערן!"

ר' נאטע איז געווארן ערשטוינט. ער האט ארויפגעקוקט צו דער עזרת נשים וואו ער האט דערזען א אינגערמאן וואס האט אויסגעקוקט ווי ער איז געשלאפן אין די עזרת נשים.

דער אינגערמאן האט נעבעך געהאט לעצטענס א ירידה אין זיין לערנען און אין זיין עבודת ה', ל"ע. ער איז געקומען צו יענעם שול וואו ר' נאטע האט גערעדט, כדי צו קענען חאפן א דרימעל שבת נאכמיטאג, נישט וויסנדיג אז ר' נאטע גייט רעדן. פלוצלינג אין מיטן זיין שבת מנוחה, איז דער אינגערמאן אויפגעוועקט געווארן ממש דורך ר' נאטע'ס ווערטער. און דורך דעם איז ער געווארן אן עכטער בעל תשובה! נישט קיין ווארט איז פארפאלן! **גוט שבת אלע אידן.**